


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### חילוק צווישן 'עני' און 'אביון'

**לכבוד** 'שרה אמנו' טוט רבינו זי"ע ערקלערן און דרש'ענען דער גאנצע קאַפּיטל 'אשת חיל' (משלי, ל"א), פאלגנד ברענגן מיר עטליכע געדאנקען וואס רבינו ברענגט ארויס פון די פסוקים אין אשת חיל.
***כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן*** (לא, כ). לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אין די דאפעלטע לשון פונעם פסוק, צוערשט שטייט 'כפה פרשה לעני', דערנאך ווערט איבערגעחזר'ט 'וידיה שלחה לאביון'. אזוי אויך דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט צוערשט 'כפה', וואס איז משמע בלויז איין האנט, און דערנאך שטייט 'ידיה' וואס איז משמעביידע הענט.

**מען** קען ערקלערן, קודם רעדט מען פון אן 'עני' וואס איז אן ארימאן, אבער ער איז נישט אזא גרויסע נצרך אזוי ווי דער 'אביון', דעריבער שטייט 'כפה' זי שטרעקט אויס בלויז איין האנט מיט א ספק, ווייל זי ווייסט נישט אויב דער עני וועט נעמען די געלט. דערנאך רעדט מען פון א 'אביון' וואס איז הונגעריג נאך יעדע נדבה, דעריבער שטייט 'ידיה', זי שטרעקט אויס ביידע הענט, מיט א זיכערקייט, ווייל זי איז פארזיכערט אז דער אביון וועט נעמען די געלט. (אות א' ד"ה כפה)

### א פרוי באקומט שכר אויף די תורה פון איר מאן

***עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ*** (שם, כה). א פרוי באקומט זייער א גרויסע שכר פארן ארויסהעלפן איר מאן זאל קענען לערנען תורה, דאס איז דורכדעם וואס זי געבט אים רשות צו גיין לערנען און זי געבט זיך אוועק אז ער זאל קענען לערנען. אזוי אויך באקומט זי דורכדעם א טייל פון די תורה פון איר מאן.

**אזוי** ווי דער תנא 'רבי עקיבא' האט געזאגט פאר זיינע תלמידים (נדרים נ.), **שלי ושלכם שלה היא**. מיין תורה און ענקער תורה, באלאנגט פאר מיין פרוי וואס בזכות איר קען איך לערנען. און עס שטייט אין זוהר הק' (פרשת ויחי דף רכו:) אז אלע מצות וואס א מענטש טוט אויף די וועלט, ווערן רוחניות'דיגע קליידער פאר די נשמה.

**מיט** דעם קען מען ערקלערן פשט אין פסוק, **עֹז** - דאס איז די תורה וואס זי העלפט איר מאן צו לערנען, און תורה ווערט אנגערופן בלשון 'עז', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים כט, יא), ***ה' 'עֹז' לְעַמּוֹ יִתֵּן***, (וואס דאס איז תורה וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר כלל ישראל, עיין רש"י שם). ***וְהָדָר*** - דאס איז די מצות, וואס ווערט אנגערופן 'הדר' (מען דארף עס מהדר זיין, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל ב"ק ט. 'הידור מצוה עד שליש'), ***לְבוּשָׁהּ*** - דאס איז די רוחניות'דיגע קליידער פאר איר נשמה. (שם ד"ה עוז והדר)

### ערליכע קינדער איז א סימן אויף א ערליכע מאמע

***קָמוּ בָנֶיהָ וַיְאַשְּׁרוּהָ*** (שם, כח). די קינדער פון א מענטש זענען געוואנדן אין זייער מאמע, און ווען מען זעט ערליכע און גוטע קינדער, איז דאס א סימן אויף די צדקות און ערליכקייט פון די מאמע.

**אזוי** ווי מיר געפינען אין חז"ל (יומא מז.) די חכמים האבן געפרעגט די מאמע פון רבי ישמעאל כהן גדול, ווי אזוי האט זי זוכה געווען צו האבן צוויי קינדער כהנים גדולים (עיי"ש). זעט מען פון דעם אז ווען מען זעט גוטע און ערליכע קינדער, ווייזט דאס אז די מאמע איז ערליך און חשוב.

**דאקעגן** חלילה פארקערט, אויב די קינדער זענען נישט ערליך איז דאס א סימן אויף די מאמע, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני וישלח רמז קל"ה), אז עס שטייט נישט אין די תורה איבער די פטירה פון רבקה אמנו, כדי עס זאל נישט דערמאנט ווערן אז זי איז די מאמע פון עשו (אויב וואלט געשטאנען ארויסגעשריבן איר פטירה, וואלט דאס דערמאנט ווער זענען אירע קינדער, און עס וואלט דערמאנט עשו הרשע, עיי"ש). דאס איז פשט אין פסוק ***קָמוּ בָנֶיהָ*** - ווען די קינדער וואקסן אויף גוט, ***וַיְאַשְּׁרוּהָ*** - טוט דאס באשטעטיגן אז די מאמע איז געווען ערליך. (שם ד"ה קמו בניה)

### אמת'ע חן קומט נאר פון יראת שמים

***שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל*** (שם, ל). דער מדרש (ילקוט תהלים רמז תתנ"ט) דרש'נט פונעם פסוק (תהלים קג, יז) ***וְחֶסֶד ה' מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם עַל יְרֵאָיו***. א מענטש וואס מען זעט 'חן' אויף זיין פנים, איז א סימן אז ער איז א ירא שמים.

**לכאורה** דאס איז גאנץ גוט ביי מענער, אבער ביי פרויען וואס באפוצן זיך, און באצירן זיך, וואס דאס ברענגט זיי חן, קען מען דאך נישט וויסן אויב זיי פארמאגן ריכטיגע חן וואס איז א סימן אויף יראת שמים.

**דעריבער** זאגט די פסוק, ***שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי*** די חן און יופי וואס קומט פון דרויסנדיגע זאכן איז נישט קיין סימן אויף די ריכטיגער חן, ווייל ווען זי וועט אויסטון איר שיינע קליידער און צירונגען, וועט צוגלייך אויך אראפגיין איר פאלשע חן, און דאס איז נישט



בקרוב גם באידיש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים


תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמהולל בפלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

ברכות על ראשם
ידידי זרע שמשון
היקרים, הלא המה:
רפאל בן
סופיה • יצחק
בן רחל • משה
בן אסתר
• שלמה בן
יהודית
שמסייעים במסירות בגופם
וממונם למען הפצת תורת זרע
שמשון וריבוי הלומדים בכל
העולם ובפרט בקהילות דוברי
ספרדית שיזכו שיתקיים בהם
ובמשפחתם כל ברכות המחבר

לעילוי נשמת
הרב מרדכי
רפאל בן
סולטנה ז"ל
שבת
נלב"ע כ"ב חשון תשפ"ד
•
מרת אסתר ציר'ל
בת הרב נחום
כהן לוין
נלב"ע כ"ו חשון תשפ"ד
ת.נ.צ.ב.ה.

ישועה בכל
מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים
בריאות איתנה פרנסה בשפע
מתוך מנוחת הגוף והנפש
בלי שום הפרעות ורדיפות
ושיתבשר בשורות טובות
בקרוב ממש

עושר וברכה
אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה
בכל עושר ואושר בקרוב

הצלחה ועושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו
ופריצת דרך בעסקיו בקרוב
ויזכה לשפע ועושר רב

ניע נאמבער
קול זרע שמשון
פאר אידיש דריקט 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועות
• נייעס און אפדעיט'ס •
שמעו ותחי נפשכם
פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:
לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
ענגליש: 1-3 פאר אינהאלטסרייכע
אינטערוויוס 1-1-5

די ריכטיגע חן וואס מען טוט איר אויסלויבן. נאר אזוי ווי די פסוק פירט אויס, **אִשָּׁה יִרְאַת ה'** - די פרוי וואס האט די אמת'ע חן וואס דאס קומט פון יראת שמים, **הִיא תִתְהַלָּל** זי איז ווערד צו ווערן אויסגעלויבט. (שם ד"ה שקר החן) (אות ד' ד"ה ולכן)

## אליעזר פארלאזט זיך אויף די קעמלען

**וְהָיָה הַנַּעֲרָה אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיהָ הַטִּי נָא כַדֵּךְ וְאֶשְׁתֶּה וְאָמְרָה שְׁתֵה וְגַם גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה אֹתָהּ הֹכַחְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק וּבָהּ אֵדַע כִּי עָשִׂיתָ חֶסֶד עִם אֲדֹנִי** (כד, יד), פארוואס האט אליעזר געמאכט דוקא די סימן פון אנטרינקן די קעמלען, אז דאס איז זיכער די ריכטיגע מיידל פאר יצחק?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס ווערט געברענגט א שיטה אין מדרש (בראשית רבה ס, ח) אז די קעמלען פון אברהם אבינו האבן נישט געהאט קיין שלעסער אויף זייער מויל, און פונדעסטוועגן האבן זיי נישט געפאשעט אין פרעמדע פעלדער.

**און** אליעזר האט געמאכט א חשבון, אז עס שטייט אין חז"ל (חולין ה:) דער אויבערשטער ברענגט נישט קיין מכשול אפילו פאר די בהמות פון צדיקים. און זיכער נישט פאר די קעמלען פון אברהם אבינו, (וואס מען זעט אז זיי פאשענען נישט אין פרעמדע פעלדער אפילו זיי האבן נישט קיין שלעסער).

**דעריבער** אויב וועט ער מאכן א סימן אז די מיידל וואס טרינקט אן די קעמלען, זי איז די פאסיגע פאר יצחק, וואלטן די קעמלען נישט געטרינקן פון די וואסער, נאר אויב זי איז טאקע די פאסיגע מיידל. און ווען ער האט געזען אז זיי טרינקן יא פון די וואסער, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו איר און געגעבן די צירונגען, זייענדיג פארזיכערט אז דאס איז טאקע די מיידל פאר יצחק. (אות ט' ד"ה וקודם)

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

### געטראפן דאס קינד - אינטענסיווע זוכעניש פאר לאנגע שעות • קאפיטלעך תהילים מיטן זרע שמשון • אפגעפינען געזונט און פריש



**עס פארציילט ר' שלמה נ. הי"ו פון קליוולאנד, אָהייאָ:**

**מיט** עטליכע וואכן צוריק, אינמיטן א רואיגער נאכמיטאג האב איך באמערקט אז מיין קליינע צוויי יעריגע מיידעלע איז נישטא, אין די ערשטע פאר מינוט בין איך שנעל אריבערגעגאנגען פון איין צימער צום צווייטן איבער די גאנצע הויז, און נאר געוואלט זיכער מאכן וואו זי געפינט זיך.

**נאכן** זוכן אין די גאנצע הויז און איר נישט געטראפן, בין איך געווארן אביסל אנגעצויגן, און ארויס אינדרויסן זוכן אין די חצר פארנט און אונטן די הויז.

**אבער** ווען איך האב איר אויך דארט נישט געטראפן האט מיין הארץ אנגעהויבן שנעל צו קלאפן, איך בין געווארן זייער באזארגט און נערוועז, כ'האב גלייך גערופן און געבעטן שכנים און פריינט זאלן קומען העלפן איר זוכן.

**ווען** ס'איז אריבער א האלבע שעה און מען האט איר נאכנישט געטראפן, בין איך געווארן שרעקליך נערוועז, אלע ווילדע און בייזע מחשבות זענען אריבערגעלאפן מיין קאפ און כ'האב געציטערט אויף דאס ערגסטע.

**מען** האט זיך פארבינדן מיט די לאקאלע שומרים און פאליציי וואס זענען געקומען און פראבירט ארויסצוהעלפן מיט די זוכעריי, און מיט יעדע פארבייגייענדע מינוט איז מיין הארץ קלאפעניש ארויף פון גרויס שרעק.

**צענדליגע** אידן פון די קהילה האבן גלייך אפגעלאזט זייער ארבעט אינמיטן טאג, און זענען שנעל געקומען ארויסהעלפן מיט די זוכעריי, און מען האט ארומגעזוכט אין די גאנצע געגנט.

**אזוי** איז אריבער העכער צוויי שעה! און איך האב געשפירט ווי כ'האלט עס מער נישט אויס, נישט האבנדיג קיין כח און מח צו קענען ארויסגיין און זוכן, האבן איך צאמגענומען מיינע מחשבות און אנגעהויבן צו זאגן 'תהלים' מיטן פירוש פונעם 'זרע שמשון'.

**דאס** איז מיין באליבטע תהלימ'ל וואס כ'זאג שטענדיג תהלים דערין, און אין יעדע געלעגנהייט נוץ איך ספעציעל דעם תהלים וואס איז פאר מיר א באזונדערע זכות צו דאווענען און בעטן צוזאמען מיט דער זכות פונעם הייליגן זרע שמשון.

**יעצט** זייענדיג אין אזא הילפלאזע מצב וואס כ'האב אין מיין לעבן נאכנישט געשפירט, האב איך גענומען דעם תהלימ'ל און געזאגט עטליכע קאפיטלעך מיט כוונה צוזאמען מיט די הייליגע ווערטער פונעם זרע שמשון - וויפיל כ'האב געקענט פארשטיין זייענדיג אזוי אנגעצויגן - און פאר לאנגע מינוטן מתפלל געווען צום באשעפער פון טיפעניש פון הארץ.

**א** מינוט נאכן פארמאכן דעם תהלימ'ל! איז איינע פון די קינדער געקומען לויפן צוזאמען מיט דאס קינד געזונט און פריש, וואס האט זיך נארוואס אויפגעכאפט פון א טיפע שלאף נישט וואוסנדיג וואספארא טומל זי האט אנגעדרייט.

**שפעטער** האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס קינד איז פשוט אנטשלאפן געווארן אונטערן סאָפע, און זייענדיג צוגעדעקט האט מען איר נישט באמערקט אפילו נאכן איבערקוקן דארט עטליכע מאל. און נאכן זיך אויסשלאפן עטליכע שעה האט זי זיך יעצט אויפגעוועקט און מען האט איר ב"ה געטראפן געזונט און פריש.

ב"ה מען האט געקענט מעלדן די אלע וואס זענען ארויסגעקומען העלפן מיט די זוכעריי אז זיי קענען שוין אהיימגיין, און דערביי האב איך געלערנט א פרישע פשט אין די ווערטער 'ישועת ה' כהרף עין', בזכות דער הייליגער צדיק זי"ע.

**אל תחמיצו את ההזדמנות ללמוד להבין ולהתענג ובכך להביא ברכה וישועה**

347-496-5657 • 05271-66450 • 02-80-80-500

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באַרה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
זרע שמשון ע"ר 580624120
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו